**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/31/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז ניו יארק סיטי סאָבוועי ברעכט ווידער רעקארד פון צאל פאסאנזשירן אויף א טאג סוף וואך**

***סאָבוועיס ציילן מער פון 2.7 מיליאן באצאלטע רייזעס אום אקטאבער 28, איבערשטייגנדיג פאריגע שבת'דיגע רעקארד נאך די פאנדעמיע געציילט אום דעצעמבער 2022***

***א רעקארד-הויכע 55.2 פראצענט פון די רייזעס האבן גענוצט OMNY***

***ניו יארק סיטי באסעס ציילן מער פון 852,000 באצאלטע רייזעס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק סיטי סאָבוועי האט געציילט 2,744,462 באצאלטע רייזעס דעם שבת, אקטאבער 28 — די העכסטע צאל אויף א טאג סוף וואך זינט 2020. די רעקארד-הויכע צאל האט באדייטנד איבערגעשטיגן די פריערדיגע שבת און סוף-וואך טאג רעקארד וואס איז געזעהן געווארן אום דעצעמבער 10, 2022, ווען אומגעפער 2.6 מיליאן מענטשן האבן גענומען די סאָבוועי. ניו יארק סיטי באסעס האבן אויך געזעהן א שטארקע שבת, ציילנדיג איבער 852,000 באצאלטע רייזעס, א 7.3 פראצענטיגע העכערונג אין פארגלייך צו די פריערדיגע שבת.

"מיין אדמיניסטראציע האט געמאכט היסטארישע אינוועסטירונגען אין זיכערהייט און פארמערט די צאל באנען כדי צו צוציהען מער פאסאנזשירן צוריק צו די MTA", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר זענען פאר צו ברעכן די רעקארד מיט די צאל רייזנדע אויף אונזערע סאָבוועיס, באנען און באסעס, אזוי ווי ניו יארקער האלטן אין איין צוריקקומען שטאלצערהייט צו די סיסטעם."

די רעקארד-הויכע סאָבוועי שבת איז געטריבן געווארן מיט 'טעפּס' ווערנדיג גענוצט צו באצאלן צו אריינגיין אין די סיסטעם — 55.2 פראצענט פון אלע רייזעס זענען געווען פאסאנזשירן וואס האט 'געטעפּט' צו באצאלן, א רעקארד אין איין טאג. OMNY – די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט'ס (Metropolitan Transportation Authority, MTA) קאנטאקטלאזע רייזע באצאלונג מעטאד – איז גענוצט געווארן אין כמעט האלב פון אלע באצאלטע סאָבוועי רייזעס.

**MTA ניו יארק סיטי טראנזיט פרעזידענט, ריטשארד דעיווי, האט געזאגט,** "די נאטור האט אונז געגעבן א גוטע וועטער אויף א שבת צום ערשטן מאל אין אזוי לאנג, און מענטשן האבן דאס אויסגענוצט. די וויכטיגסטע זאך איז אז זיי האבן גענוצט די סאָבוועי אין רעקארד-הויכע צאלן צו אנקומען וואו אימער זיי האבן געוואלט גיין, און אסאך פון די פאסאנזשירן האבן זיך באנוצט מיט OMNY. NYC טראנזיט וועט בלייבן קאנצענטרירט אויף צו צושטעלן שנעלערע, ריינערע, זיכערערע סערוויס – אריינרעכענענדיג מיטן פארמערן די צאל באנען וואס מיר שטעלן צו סוף וואך – כדי מיר זאלן קענען פייערן נאך אפילו מער רעקארדס אין די נאענטע צוקונפט."

די רעקארדס אין צאל פאסאנזשירן און באנוץ מיט OMNY איז געקומען צוויי טעג בעפאר די MTA האט פלאנירט צו אקטיוויזירן OMNY פאסאנזשיר ווענדינג מאשינען אין די בראנקס, ברוקלין, מאנהעטן און קווינס, ערלויבנדיג פאסאנזשירן זיך צו באנוצן מיט קעש ביי די ווענדינג מאשינען, און קרעדיט און דעביט קארטלעך און דיגיטאלע בערזלעך (וואַלעט עפּס) ווערן אויך אנגענומען צו קויפן בילעטן.

די קארטלעך גיבן נאך א וועג צו אויסנוצן די OMNY'ס פינאנציעלע בויגזאמקייט צו באצאלן אויפן פלאץ און קיינמאל נישט אויסגעבן מער פון $34.00 אין 7 טעג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן